בס״ד

# בשורה טובה פון וועד הכשרות

## די פסח׳דיגע אויסגאַבע פון מדריך לכשרות (נומ. 13) איז שוין ב״ה ערשינען

די אויסגאַבע אַנטהאַלט נויטיגע הלכות פאַר פסח נוצליכע ידיעות, הילף און ראַטונג אין די הנהגות פון פסח

— געדרוקט אין אידיש און אויך אין ענגליש —

- די פסח׳דיגע אויסגאַבע איז באַזונדערס וויכטיג צוליב דער מעדיצינישער ליסטע וועלכע איז געדרוקט אין מדריך.
- די ליסטע פון מעדיצינען וועלכע מען מעג נוצען אום פסח ווערט איבערגעאַרבעט יערליך, דורך דער ספּעציעלער קאָמיטע פון וועד הכשרות, דער מדריך ווערט גענוצט אַלס קוואַל פון אינפאָרמאַציע פאַר אַלע רבנים און אָרגאַניזאַציעס וועלכע באַפאַסען זיך מיט כשרות. (אפילו די וואָס זענען ניט מיטגלידער פון וועד הכשרות).
- אַזוי ווי געוויינליך אַנטהאַלט אויך די אויסגאַבע וויכטיגע כשרות אינפאָרמאַציע, פעסטשטעלונגען וועגען פּראָדוקטען, און וויכטיגע באַריכטען אויפ׳ן געביט פון כשרות.
- דער מדריך לכשרות וועלכער האָט זיך, בעזר השם, ערוואָרבען אַ נאָמען אַלס דער חיבור וועלכער איז אַ יחיד במינו, „דער וועגווייזער פון כשרות״, פאַנגט איצט אָן דעם דריטען יאָרגאַנג, וכן יוסיף ד׳ הלאה.
- דער מדריך דערשיינט זעקס מאָל אַ יאָר. דער פּרייז איז בלויז $4 אַ יאָר.

די פסח׳דיגע אויסגאַבע איז צו באַקומען אין אַלע ספרים געשעפטען פאַר בלויז 1 דאָלאַר.

אין מאַנסי בית מסחר ספרים „כלילת הספר״ פּיליס טעררעס.

פאַר סובסקריפּשאַן אָדער מער אינפאָרמאַציע שרייבט אָדער טעלעפאָנירט צו:

**VAAD HAKASHRUS**

P.O.B. 56 Brooklyn. N. Y. 11228 — 339-4325

אויך ווילען מיר מודיע זיין אַז למען תועלת הרבים האָבען מיר דאָס יאָר נאָכאַמאָל איינגעאָרדנט אַ פלאַץ וואו איר זאָלט קענען כשר׳ן אייערע כלים, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין, אונטער די אויפזיכט פון רבנים שליט״א. (ווי עס ווערט געברענגט אין ספר מעדני שמואל על הלכות פסח די וויכטיגקייט פון כשר׳ן).

**דער פלאַץ: בעיסמענט פון בית יעקב סעמינאַר, 45 סטריט און 15טע עוועניו.**

**די צייט: אי״ה זונטאָג פאַר פסח פון 2 נ.מ. ביז 8 אָוו.; מאָנטאָג פון 5 נ.מ. ביז 8 אָוו.**

מיר כשר׳ן **בחנם** — עס קאָסט נישט קיין געלט

**וועד המסדר**

נ. ב. כדי צו פאַרשפּאָרען צייט, ביטע זעט אַז די כלים זאָלען נישט באַנוצט ווערען 24 שעה פאַר דעם כשר׳ן. אויך זאָלען די כלים זיין גוט אָפּגערייניגט.